ספרי׳ – **אוצר החסידים** – ליובאוויטש

קובץ
שלשלת האור

היכל תשיעי | שער שלישי

# לקוטי שיחות

**בהעלתך** ב-ג
**(מתוך חלק יח, ע׳ 117)**

•

מאת כבוד קדושת

## אדמו״ר מנחם מענדל

**זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע**

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש

יוצא לאור על ידי מערכת
**״אוצר החסידים״**
770 איסטערן פארקוויי ברוקלין, נ.י.
שנת חמשת אלפים שבע מאות ושמונים ושתים לבריאה
השנה תהא שנת פלאות בכל

# בהעלותך ג

א. אין דעם גדר פון פסח שני זיינען פאראן דריי דיעות ואופנים [1]:

א) „רגל בפני עצמו הוא", ב) תשלו־מין דראשון הוא (תקוני לא מתקנין לי"), ג) „תקנתא דראשון הוא".

דער חילוק און נפק"מ לדינא צווישן די דריי דיעות [2] (און ווי עס ווערט מבואר באריכה אין תשובת ר' אברהם בן הרמב"ם [3]):

„רגל בפני עצמו" מיינט, אז פסח שני איז ניט אפהייניגיק אין דעם חיוב פון פסח ראשון — עס איז א „חיוב בעצמו כמו שאר הרגלים" [4]. און דעריבער, איז א „גר שנתגייר בין שני פסחים וכן קטן שהגדיל כו' חייב לעשות פסח שני" [5]. (משא"כ לויט די דיעות אז עס איז א „תשלומין" אדער „תקנתא" פון פסח ראשון — איז דער חיוב פון פסח שני תלוי אין דעם חיוב פון פסח ראשון און אויב איינער איז ניט געווען מחוייב אין פסח ראשון איז אויף אים אויך ניטא דער חיוב פון פסח שני).

„תשלומין דראשון הוא" מיינט: ווען איינער האט פארפעלט צו מקריב זיין דעם פסח ראשון במזיד, איז הגם אז דערמיט האט ער שוין עובר געווען אויף א איסור כרת, גיט אים די תורה „תשלו־מין" אויף דעם, אז דורך מקריב זיין פסח שני ווערט בטל פון אים דער חיוב כרת [6]. אויב אבער ער האט אויך ניט מקריב געווען פסח שני, אפילו אין אן אופן פון שוגג, איז ווייבאלד ס'איז ניט געווען קיין „תשלומין דראשון" בלייבט (במילא) איבער דער חיוב כרת על שהזיד בראשון [7].

„תקנתא דראשון הוא": ווען ער איז ניט מקריב דעם פסח ראשון במזיד, גיט אים די תורה באלד מלכתחילה די תקנה מקריב צו זיין פסח שני בזמן אחר, אזוי אז כל זמן ס'איז ניט דורכגעגאנגען דעם זמן פון דער תקנתא איז נאך ניט חל דער חיוב כרת [8]. און דעריבער, אפילו אויב ער האט דעם פסח שני ניט מקריב געווען, ער איז אבער געווען א שוגג בשני, איז ער פטור פון כרת — ווייל „בעת התקנה (ווען עס לייגט זיך דער חיוב כרת) שוגג הי'" [9].

1) פסחים צג, א.

2) ראה בכ"ז פסחים שם ואילך.

3) בס' ברכת אברהם ס"ד. ונעתק (בשינוי לשון) בכס"מ הל' ק"פ פ"ה ה"ב.

4) ל' ר"א בן הרמב"ם שם. ועד"ז בפרש"י פסחים שם ד"ה חייבין. וראה לקמן בפנים ס"ב.

5) פסחים שם.

6) כ"ה שיטת ר"א בן הרמב"ם, אבל בפרש"י פסחים שם ד"ה תשלומין: הלכך חייב כרת על הראשון ואפילו עשה את השני*.

וראה רמב"ם הל' ק"פ (שם) דגם לדעת רבי (דפסק כותי') חייב כרת רק אם לא הקריב בשני (ואף דבסהמ"צ מ"ע נז כ': „אם הזיד בראשון והקריב בשני הוא חייב לרבי לפי שאין לדעתו תשלומין מן הראשון" — ראה בתשו' ר"א בן הרמב"ם (בס' מעשה נסים ס"ז) דהרמב"ם חזר בו. וראה ביאור הרי"פ פערלא לסהמ"צ רס"ג מ"ע נז (רמ, ג. רמג, ד)). הגהות הרר"ח העליר בסהמ"צ שם.

7) פסחים שם, ב.

8) ראה ר"ח פסחים שם, א: ולעולם אינו חייב אלא על השני.

9) ל' ר"א בן הרמב"ם.

*) ובאור חדש לפסחים שם כ' דרש"י כתב כן רק לדעת ר"נ ולא לדעת רבי. אבל בצל"ח שם (וראה ביאור הרי"פ פערלא (שם רמ, א)) שרש"י ס"ל כן גם אליבא דרבי.

ב. דער רמב״ם אין ספר המצות שלו[10], רעכנט די מצוה פון פסח שני אין מנין המצות אלס א מצוה בפני עצמה, און איז מסביר דעם טעם, ווייל די הלכה איז (ווי רבי) אז פסח שני איז א „רגל בפני עצמו״.

איז ניט מובן[11]: אויך לדעת רבי אז פסח שני איז א „רגל בפני עצמו״, איז דאך זיין חיוב שייך נאר ביי דעם וואס האט ניט מקריב געווען דעם פסח ראשון ( — איינער וואס האט מקריב געווען פסח ראשון קען דאך ניט ברייגגען דעם פסח שני), קומט דאך אויס אז אויך לדעת רבי איז פסח שני סו״ס א מצוה וואס קומט אנשטאט דעם פסח ראשון, ובמילא — די זעלבע מצוה (ווי פסח ראשון): צו מקריב זיין א קרבן פסח — היינט פארוואס רעכנט עס דער רמב״ם אלס א מצוה בפני עצמה?

מוז מען זאגן, אז הגם פסח ראשון און שני זיינען געבונדן (דערמיט וואס דער חיוב פון שני איז נאר אין פאל ווען ס׳פעלט די הקרבה פון ראשון), פונדעסטוועגן זיינען זיי בגדרם צוויי באזונדערע ענינים, און דערפאר זיינען זיי גערעכנט אין מנין המצות אלס צוויי מצות[12].

ג. וועט מען דאס פארשטיין בהקדים לבאר דעם הפרש כללי צווישן פסח ראשון און פסח שני:

מיר געפינען אין די חילוקים צווישן פסח ראשון און פסח שני: (א) „הראשון אסור בבל יראה ובל ימצא והשני חמץ ומצה עמו בבית״[13]. (ב) „הראשון נוהג כל שבעה [וואס מיינט ניט נאר אז (איסור) „חימוצו .. נוהג כל שבעה״[14], נאר אז דער קרבן פסח ראשון איז אזא וואס איז (בלשון הגמרא[15]) „נאכל לששה״[16] — „שאוכלין עליו מצות ששה ימים״[17]] והשני יום אחד״[18].

די חילוקים צווישן פסח ראשון און שני קומען אלס תוצאה ומסובב פון דעם גדר פון יעדערן פון זיי.

ד. דער ביאור אין דעם:

דער חילוק, אין פשטות, צווישן פסח ראשון און פסח שני איז: פסח ראשון איז דער אופן החיוב פון הקרבת הפסח ווי ס׳איז אויסגעשטעלט און דארף זיין ע״פ סדר פון תורה (בזמנו); פסח שני איז אופן החיוב שלא ע״פ סדר (שלא בזמנו): די וואס האבן ניט געבראכט דעם פסח בזמנו — אעפ״כ זאגט מען ניט עבר יומו בטל קרבנו[19] נאר תורה גיט די געלעגנהייט צו ברענגען דעם קרבן שפעטער. וכפתגם כ״ק מו״ח אדמו״ר[20]: „פסח שני ענינו איז — עס איז ניטא קיין

10) מ״ע נז.

11) ע״ד קושית ר״ד הבבלי בס׳ מעשה נסים שם. וראה ג״כ ביאור הרי״פ פערלא במבוא שורש השביעי. מ״ע נז (רלט, סע״ד. רמג, א ואילך).

12) וראה ביאור הרי״פ פערלא שם (במבוא. וראה שם רמג, ג) בתי׳ קושיא הנ״ל, דמאחר שמצינו לרז״ל שאמרו דפ״ש רגל בפ״ע הוא א״כ נשמע מזה דס״ל דמצוה בפ״ע הוא. ויומתק ע״פ המבואר בפנים, שפ״ר ופ״ש מובדלים בעצם מהותם.

13) פסחים צה, רע״א (במשנה).

14) פסחים צו, ריש ע״ב.

15) פסחים צה, ב. וראה ל׳ הגמ׳ (הנ״ל בפנים): „וחימוצו (דפסח) .. כל שבעה״. וכן במשנה (שם צו, א) „ופסח דורות נוהג כל שבעה״ — אף שהכוונה היא לחימוצו, כנ״ל.

16) ראה פרש״י פסחים שם (ד״ה הנאכל) „ולישנא דקרא נקט כו״״.

17) פרש״י שם.

18) תוספתא פסחים פ״ח סה״ג.

19) ברכות כו, סע״א. ספרי (הובא ברש״י) פינחס כח, י. יד. ועוד.

20) היום יום י״ד אייר. וראה בארוכה לקמן ע׳ 126 ואילך.

**„פאַרפאַלען", מען קען אַלע מאָל פאַרריכטען. אפילו מי שהי' טמא, מי שהי' בדרך רחוקה. און אפילו „לכם"[21], אַז דאָס איז געווען ברצונו[22], פונדעסטוועגן קען מען מתקן זיין".**

**ס'איז** בדוגמא **צום אונטערשייד צווישן דער עבודה פון אַ צדיק אָדער פון אַ בעל תשובה: אַ צדיק דינט דעם אויבערשטן לויטן דרך הישר — „אשר עשה האלקים את האדם ישר"[23] — ע"פ סדר דתורה; אַ בע"ת וואָס האָט עובר געווען אויף סדר התורה, גיט אים דער אויבערשטער די מעגליכקייט צו פאַרריכטן דעם עבר און משלים זיין החסר;**

**און ווי מיר געפינען דעם חילוק אין מצב בנ"י (בפסח ראשון ופסח שני) ביים ערשטן מאָל:**

**ביי דער הקרבה פון פסח זיינען אידן געווען אין אַ מצב פון ערשט „געבאָרן" געוואָרן, כנבואת יחזקאל[24], ניטאָ קיין עבירות און דאָ מצוות מילה און פסח — בדמיך חיי[25], אַ מצב פון צדיקים — און ווי ע"פ ההלכה — (התחלת?[26]) „גירות"[27] — „וגר שנתגייר כקטן שנולד דמי"[27*], ניטאָ קיין עבירות, און מען זאָגט אים[28] ישלם ה' פעלך ותהי משכורתך שלמה גו' (על[29]) אשר באת לחסות תחת כנפיו[30].**

**דאַקעגן פסח שני איז געווען פאַר די וואָס „היו** טמאים **(און אין טומאה גופא — טמא מת[30*]:)** לנפש אדם**"[31] (וואָס מיתה איז ע"י חטא עה"ד[32], שורש פון אַלע חטאים[33]), און זיי זיינען געקומען מיט אַ בקשה נפשית — נאָכן מודה און מתודה זיין זיך „אנחנו טמאים לנפש אדם — למה נגרע לבלתי הקריב את קרבן ה' במועדו בתוך בנ"י"[34] — בדוגמת תשובה — ובפרטי': ווידוי[35], בקשת תיקון החסר, תיקון בשלימות (ניט נאָר „להקריב" נאָר אויך די מעלה פון „במועדו" און פון „בתוך בנ"י"[36]).**

**דערמיט איז מובן דער טעם (פנימי) וואָס די מצוה פון פסח שני איז ניט געווען אין אַן אופן אַז דער אויבערשטער האָט דערויף אָנגעזאָגט פון**

---

21) פרשתנו ט, י.

22) ראה לקו"ש ח"ח ע' 74 הערה 60. חי"ב ע' 7־216.

23) קהלת ז, כט.

24) טז.

25) יחזקאל שם, ו. מכילתא (הובא ברש"י) בא יב, ו. שמו"ר פי"ז, ג. פי"ט, ה. ועוד.

26) לכאורה פשוט דאז הי' זה כל הגירות — ונפק"מ בגר שמל ולא טבל האם מחוייב בפסח. ודוגמתו — מל ולא פרע, קודם שנצטוו על הפריעה. וראה תוד"ה כי פליגי ותו"י יבמות מו, ב. ואכ"מ.

27) ראה יבמות (שם, א־ב) וכריתות ט, א.

27*) יבמות כב, א. וש"נ.

28) רות ב, יב.

29) שזהו פירוש המדרש רבה (שם) שיש שנתקשו בפירושו: ישלם ה' פעלך גו' מעם ה' א"ר חסא אשר באת לחסות תחת כנפיו. — עתה מצאתי כן בפי' עין חנוך.

30) ראה תרגום שם: ובההוא זכותא תשיזיבי מדין גיהנם למיהוי חולקך עם שרה רבקה רחל ולאה — דקשה לומר שכ"ז בא בזכות ד„עשית את חמותך", כ"א הוא הזכות „אשר באת גו'", כנ"ל.

30*) החמור מכולם (כלים פ"א, מ"ד).

31) פרשתנו שם, ו.

32) שבת נה, ריש ע"ב. וראה לקו"ש ח"ז ע' 169 הערה 55.

33) ראה תו"א עט, רע"ד. ד"ה באתי לגני ה'תשי"א פ"ב.

34) פרשתנו שם, ז.

35) עפ"ז יומתק הסגנון „אנחנו טמאים לנפ"א למה נגרע" — דצ"ע וכקושיית המפרשים.

36) וי"ל דזהו הרמז ב„ככל חקת הפסח יעשו אותו", דנחשב להם כ„במועדו" ו„בתוך בנ"י" — ועפ"ז יתורץ דלכאורה חסרה התשובה לטענתם „למה נגרע גו' במועדו בתוך בנ"י". — ועפ"ז הל' „תשלומין" „ותקנתא" הנאמר בפ"ש — הכוונה בשלימות.

פריער ווי כמעט אלע ציווי התורה, נאר דוקא נאכדעם ווי די אידן זיינען נתעורר געווארן און געבעטן „למה נגרע גו'" — ווייל די תנועה פון תשובה קומט (בדרך כלל) דורך דער התעוררות פון דעם בעל תשובה: כאטש ער איז אין א מצב פון „טמא לנפש אדם" — היפך דטהרה ועאכו"כ ניט קדושה, ער איז ניט שייך צו דערהערן א גילוי אור מלמעלה, דאך ווערט ער נתעורר מצד עצמו — מלמטה למעלה — בתשובה[37].

ה. ע"פ האמור ווערט פארענטפערט א דבר תמוה ע"פ נגלה: חז"ל זאגן[38] אז די טמאים לנפ"א איז חל שביעי שלהם בע"פ — עפ"ז האט דאך לכאורה געדארפט זיין דער תשלומין זייערע ניט א חידוש דבר, אין א חודש ארום, נאר — כל שבעה, ווי ביי שאר קרבנות יו"ט — ווי דער אוה"ח דער־מאנט עס.

וע"פ הנ"ל מובן דער טעם (הפנימי): תשובה איז ניט נאר ממלא און משלים החסר, נאר דאס איז (אויך) א דרך אין עבודת השם, א „רגל בפ"ע", אין א בעזונדער חדש (וחידוש בעבודה).

וא"ו. הגם אז די עבודה פון א צדיק איז אין אן אופן „ישר" ע"פ סדר התורה, פונדעסטוועגן איז דא א מעלה אין דער עבודה פון א בעל תשובה[39]: די עבודה פון א צדיק טוט אויף אין דברים שבקדושה, אדער עכ"פ אין דברים המותרים. אבער ניט „מצוה הבאה בעבירה"[39*], ענינים פון רע משלש קליפות הטמאות לגמרי קען מען ניט מברר זיין[40], מען איז זיי דוחה — דאס איז דער סדר ווי עס דארף זיין עפ"י תורה[40*]; אבער די עבודה פון א בעל תשובה (בתשובה מאהבה) איז מהפך אויך זיינע זדונות לזכיות[41].

און דער כח וואס תשובה האט אויף דעם נעמט זיך פון א בחי' וואס איז העכער פון השתלשלות: מצד סדר דתורה, השתלשלות, איז ניטא די זאך פון מהפך זיין זדונות לזכיות. וכמרז"ל[42] „שאלו לחכמה .. לנבואה .. לתורה": „חוטא מה ענשו" — און זיי אלע, אויך תורה[43], האבן ניט געגעבן קיין ארט אויף תשובה: דוקא ווען „שאלו להקב"ה" — העכער פון השתלשלות — איז געווען דער ענטפער „יעשה תשובה ויתכפר לו", ווייל מצד העכער פון השתלשלות, וואס דארטן איז „כחשיכה כאורה"[44], קען אויך רע נתהפך ווערן לטוב[44*].

עפ"ז וועט מען אויך פארשטיין וואס זייער טענה איז געווען „למה נגרע גו'" — דלכאורה: פארוואס זאל מלכתחילה זיין דער קס"ד פון „נגרע"? ועד"ז אין פתגם הנ"ל פון כ"ק מו"ח אדמו"ר אז די הוראה פון פסח שני איז אז עס איז ניטא

37) ראה בארוכה לקו"ש ח"ט ע' 63־4 ובהערה 26 שם.

38) פסחים צ, ב. סוכה כה, ב.

39) ראה בכ"ז דרמ"צ קצא, א. ובכ"מ.

39*) ברכות מז, ב. וש"נ.

40) תניא רפל"ז. ובכ"מ.

40*) ראה גם לקו"ת שה"ש ו, ד.

41) יומא פו, ב.

42) יל"ש תהלים רמז תשב. וראה ירושלמי מכות פ"ב ה"ז.

43) כי אף שמענה דתורה „יביא אשם" צ"ל גם תשובה, דאז דוקא מכפר הקרבן —

ראה אוה"ת יו"כ ס"ע א'תקנז ואילך, ציונים לסהמ"צ להצ"צ מצות עגלה ערופה, ועוד (וראה בארוכה לקו"ש ח"ד ע' 1152 הערה 12. חי"ג ע' 7־76 ס"ו) — דתשובה זו עושה הזדונות כשגגות.

44) ל' הכתוב — תהלים קלט, יב.

44*) ראה גם לקו"ש ח"ז ע' 23. וש"נ.

קיין פאַרפאַלן — פאַרוואָס זאָל מען טראַכטן אַז עס איז יאָ פאַרפאַלן?

נאָר, כנ״ל: מצד תורה אַליין העלפט טאָקע ניט קיין תשובה [45] צו מהפך זיין די זדונות לזכיות כנ״ל, ס׳איז פאַר־פאַלן; נאָר דורכדעם וואָס אידן זיינען נתעורר געוואָרן מיט אַ תנועה פון תשובה: „למה נגרע גו׳״, דאָס האָט דערלאַנגט ביז צו „(שאלו ל)הקב״ה״ שלמעלה מהשתלשלות, וואָס פון דאָרט איז דער ענטפער, אַז ס׳איז ניט פאַר־פאַלן — ס׳איז דאָ דער ענין פון פסח שני.

[נאָר דאָס גופא ווערט דערציילט און נתגלה אין און דורך תורה, ווייל הגם תורה מצד עצמה איז בבחי׳ השתל־שלות, אָבער אורייתא וקוב״ה כולא חד [46], אַלע ענינים, אויך די וואָס זיינען למעלה מהשתלשלות, ווערן נתגלה דורך תורה [47]].

ז. דאָס איז אויך דער ביאור אין די אויבנדערמאָנטע (ס״ג) חילוקים צווישן פסח ראשון און פסח שני [48]:

פסח ראשון — עבודת הצדיקים — האָט מען ניט צו טאָן מיט רע, דעם רע איז מען דוחה. דעריבער איז חמץ אסור בבל יראה ובל ימצא [49]; און דערפאַר איז דער יו״ט שבעת ימים — וואָרום עבודת הצדיקים איז אַן עבודה בסדר והדרגה, ס׳איז השתלשלות, עס איז אויסגע־שטעלט אין ז׳ ימים, ז׳ מדות וכו׳ [50].

משא״כ פסח שני — עבודת התשובה, וואָס איז מהפך אויך זדונות לזכיות — קען מען דערפאַר מברר זיין אויך דעם חמץ [49]. און דעריבער איז „חמץ ומצה עמו בבית״; און וויבאַלד עבודת התשובה איז למעלה מהגבלה והשתל־שלות כנ״ל, דעריבער איז עס יום אחד וואָס ווייזט (ניט אויף אַן ענין של מיעוט, נאָר, אדרבה) אויף העכער פון הגבלה און התחלקות. און ווי עס איז מבואר אין תו״א [51] דעם טעם פאַרוואָס שבועות איז יום אחד, ווייל שבועות איז „זמן קבלת התורה שהוא בבחי׳ הכתר שהוא בחי׳ יחידה שלמעלה מהתחלקות כו׳״.

און דאָס איז אויך וואָס די גמרא [52]

---

45) ולהעיר דאין תשובה מועלת לשנות (ולבטל) דין ועונש ב״ד, וכשו״ת גו״ב (מהדו״ק או״ח סי׳ ל״ה) הידועה.

46) תניא רפכ״ג בשם הזוהר. וראה סה״מ ה׳ש״ת ע׳ 66 בהערה.

47) ראה גם המשך תער״ב ח״ג ע׳ א׳תח. לקו״ש ח״א ע׳ 75. ח״ד ע׳ 1345. 1350. ועוד.

48) ראה עד״ז לקו״ש ח״ז ע׳ 327.

49) ראה אוה״ת פרשתנו ד״ה להבין ענין פ״ש (ע׳ שסז־ח) דפ״ר ופ״ש הם אתכפיא ואתהפכא, דבפ״ר הוא היציאה מן הרע — אתכפיא (ולכן אסור בחמץ), ובפ״ש „שכבר יצא מהרע״ (ואפשר להיות) — אתהפכא (ולכן חמץ ומצה עמו בבית). וראה לקו״ש ח״ד (ע׳ 1301 ואילך) דהוא דוגמת החילוק דבע״ת וצדיקים: פ״ר — ע״ד בע״ת שצ״ל „אי אפשי״* (לקו״ת ואתחנן ט, ד), ופ״ש — ע״ד צדיקים שצ״ל אפשי.

אבל** הביאור שם הוא בנוגע הבירור שנעשה בהאדם, וכאן מבואר: א) עצם העבודות דפ״ר ופ״ש (פ״ר — תנועה דצדיקים, ופ״ש — תנועה דתשובה). ב) הבירור שנעשה בהזדונות (בפ״ר — דוחה אותם, בפ״ש — גם מהפכם). ועצ״ע.

50) ראה תו״א שהובא לקמן בפנים.

51) קט, סע״ד ואילך. וראה ג״כ אוה״ת ד״ה להבין מה ששבועות יום א׳ (במדבר ע׳ א׳תקעג).

52) ע״ז יז, א. וראה סה״מ — לאדה״ז — תקס״ב (ע׳ יג). דרך חיים (כמצויין במפתחות).

---

*) ויש לקשר זה עם המבואר לעיל (ס״ד) שבנ״י בצאתם ממצרים היו גרים — כי הטעם שבע״ת צ״ל אי אפשי כי צריך זהירות „שלא יחזור לסורו״ (לקו״ת שם), דחשש זה הוא בגר (קידושין יז, סע״ב).

**) וגם: שם המדובר בדרגא נמוכה בתשובה שעדיין צריך זהירות שלא יפול כו׳ (כבהערה הקודמת), וכאן — בתשובה (מאהבה **רבה** — תניא פ״ז) שזדונות נעשים כזכיות.

דערציילט בנוגע דער תשובה פון ר' אלעזר בן דורדייא — „בכה רבי ואמר יש קונה עולמו בכמה שנים ויש קונה עולמו בשעה אחת": עבודת הצדיקים איז בסדר והדרגה און דעריבער נעמט עס כמה שנים, בחי' התחלקות[53]; משא"כ ביי ראב"ד, וואס ביי אים איז געווען עבודת התשובה, און אין תשובה גופא, אין אַן אופן פון „ראשו בין ברכיו — העכער פון התחלקות דראשו וברכיו[54] — וגעה בבכי"[52], איז געווען „קונה עולמו בשעה אחת". ובלשון הזהר[55], אז תשובה איז „בשעתא חדא".

ח. דער חילוק הנ"ל צווישן פסח ראשון און פסח שני דריקט זיך אויס אויך אין דעם וואס פסח ראשון איז אין חודש ניסן, און פסח שני אין חודש אייר[56]:

ס'איז ידוע[57] דער חילוק צווישן חודש ניסן (חודש הראשון) און חודש אייר (חודש השני): ניסן איז המשכה וגילוי מלמעלה למטה, וואס דער גילוי אור מלמעלה פועל'ט ניט קיין זכוך בר קיימא, לתמיד, אין דעם „מטה", ער איז באותה שעה, בלויז דוחה דעם רע[58]. דאָס איז ע"ד עבודת הצדיקים[59] וואס זייער עבודה איז אין ענינים פון אור, ענינים פון רע זיינען זיי דוחה.

דער ענין פון אייר איז העלאה מלמטה למעלה, וואס מ'איז מברר לתמיד ומזכך און מעלה דעם מטה[58]. דערפאַר איז די מצוה פון ספירת העומר שייכת בעיקרה צו חודש אייר[60], ווייל ספה"ע טוט אויף דעם בירור וזיכוך המדות. דאָס איז ע"ד עבודת התשובה[59] וואָס דורך איר איז מען מברר דעם מטה מטה ביותר, ביז אַז אויך ענינים פון רע ווערן נתהפך לטוב.

[ובכללות איז דאָס דוגמת החילוק פון חודש ניסן און תשרי, כידוע[61] אַז חודש ניסן איז עבודת הצדיקים, און תשרי — עבודת התשובה].

ט. ע"פ הנ"ל, אַז פסח שני איז די עבודה פון תשובה, וועט מען פאַרשטיין דעם טעם, בפנימיות הענינים, וואָס אין פסח שני זיינען פאַראַן דריי (דיעות ו)אופנים (דאלו ואלו דא"ח[62]) כנ"ל ס"א — ווייל בכללות זיינען פאַראַן (אַט די) דריי אופנים אין תשובה:

א) „תקנתא" דתשובה: דאָס וואָס גלייך ביי מעשה החטא האָט ער די תקנה פון תשובה — אַזוי ווי ביים פאַרפעלן דעם פסח ראשון איז פאַר אים תיכף גרייט די תקנה פון פסח שני — דער אופן אין תשובה ווי בחטאים סתם, שוין בשעת החטא איז פאַראַן די אפשריות התיקון דורך תשובה.

ב) „תשלומין" דתשובה: די תשובה אויף אַ חטא וואָס איז געטאָן געוואָרן אין אַן אופן פון „אחטא ואשוב", וואָס דאָן איז „אין מספיקין בידו לעשות תשובה"[63] — בשעת מעשה החטא האָט

53) להעיר ד„שנים" ל' שינוי (ראה אוה"ת מקץ שלח, סע"ב).

54) עייג"כ תו"א ר"פ וארא.

55) זח"א קכט, סע"א.

56) ראה אוה"ת הנסמן בהערה 49. לקו"ש ח"ד שם.

57) ראה לקו"ש ח"א פ' אמור. ח"ד שם. ח"ח ע' 6. ס"ע 235 ואילך. ועוד.

58) ראה אוה"ת ולקו"ש (ח"ד) שם, דפסח ראשון ופסח שני הם אתכפיא ואתהפכא, כנ"ל הערה 49.

59) ראה לעיל הערה 49.

60) ראה לקו"ש ח"א שם.

61) ראה אוה"ת בא ד"ה החודש (ע' רנז ואילך).

62) עירובין יג, ב. גיטין ו, ב.

63) משנה סוף יומא (פה, ב).

ער ניט די תקנה פון תשובה, „הואיל והתשובה גורמת לו לחטוא" [64] [ע"ד ווי „אין קטיגור נעשה סניגור" [65]]: אָבער שפּעטער אויב „דחק ונתחזק כו' ועשה תשובה מקבלין תשובתו" [66].

ג) „רגל בפני עצמו": דער ענין פון תשובת הצדיקים, וכידוע [67] אַז ענין התשובה איז ניט — כטעות העולם — אויף חטאים דוקא, נאָר ס'איז אַ דרך אין עבודת ה', וואָס איז שייך אויך ביי די וואָס זיינען ריין פון חטאים, וכמאמר [68]: משיח אתא לאתבא צדיקייא בתיובתא.

און הגם אַז דער ענין פון פסח שני איז (כפתגם הנ"ל דכ"ק מו"ח אדמו"ר, אַז „עס איז ניטאָ קיין „פאַרפאַלען" .. אפילו מי שהי' טמא .. אפי' „לכם", אַז דאָס איז געווען ברצונו כו'") תשובה על חטא — פונדעסטוועגן, זיינען בכללות, פאַראַן, אַלע אופנים פון תשובה אין פסח שני, אויך תשובת הצדיקים. [בדוגמת חודש תשרי — וואָס פסח שני איז דוגמת חודש תשרי, כנ"ל ס"ח — וואָס איז אין זיך כולל אַלע אופני התשובה, אויך תשובת הצדיקים [69]].

יו"ד. עפ"י הנ"ל (בענין תקנתא דתשובה) וועט צוקומען אַ תוס' ביאור אין דעם דין [70], אַז אפילו אַ רשע, וואָס זיין תומ"צ איז „מוסיף כח בקליפות", דאַרף לערנען תורה אפילו שלא לשמה, ווייל „כשיחזור אח"כ בתשובה .. אזי מוציא מהקליפה כל התורה והמצות כו'". ד. ה. דאָס וואָס ער לערנט תורה „בעודו רשע" איז מלכתחלה אויפן סמך פון דעם, וואָס ער וועט שפּעטער תשובה טאָן, ווייל דאָס איז דער אויפטו פון „תקנתא" דתשובה: אַז תורה גיט מלכתחלה בשעת מעשה החטא די אפשריות ותקנה פון תשובה.

און הגם אַז אָט דער דין — אַז אויך „בעודו רשע" דאַרף מען לערנען תורה — איז חל אויף אַלע סוגים פון רשעים, אויך אַזאַ וואָס זאָגט „אחטא ואשוב", וואָס האָט ניט תקנתא דתשובה כנ"ל — איז — צום עלית הלימוד האָט עס בכלל קיין שייכות ניט, ווייל דער „אחטא" איז דאָך ניט דער לימוד — און עס איז בודאי אַז „יחזור אח"כ בתשובה" און נאָכמער — אַז אפילו, במיעוטא דמיעוטא, אַז ער לערנט, ר"ל, כדי להוסיף כח כו' און פאַרלאָזט זיך אַז „אחטא ואשוב" — דאַרף ער אויך לערנען.

נאָר עס איז דאָ אַ חילוק אין דעם וויבאַלד אַז „אין מספיקין כו'":

ביים לעצטן סוג, דאַרף מען (מצד „אין מספיקין כו'") אָנקומען צום טעם אַז אויך אַ „נידח" איז מובטח אַז סו"ס איז אויך ער „ודאי סופו לעשות תשובה" [71], „בגלגול זה או בגלגול אחר כמ"ש [72] כי לא ידח ממנו נידח" [73]; משא"כ ביי חטאים סתם דאַרף מען ניט אָנקומען צום טעם פון „לא ידח ממנו נידח" [74] — ער איז מלכתחלה (ניט קיין

---

64) אגה"ת פי"א.

65) ראה צפע"נ הל' יבום פ"ד ה"כ (בסופה) — לענין אחטא ויוהכ"פ מכפר.

66) אגה"ת שם. ועד"ז בתניא פכ"ה.

67) לקו"ת ראה כד, ד. ש"ש סו, ג. ר"פ האזינו. ועוד.

68) הובא בלקו"ת שמע"צ צב, ב. שה"ש נ, סע"ב (וראה זח"ג קנג, ב). ונת' בלקו"ד ח"א קמו א, ואילך.

69) כמובן מהמבואר בדרושי לקו"ת שנסמנו בהערה 67.

70) הל' ת"ת לאדה"ז פ"ד ס"ג.

71) תניא ספל"ט.

72) ש"ב יד, יד (בשינוי לשון).

73) הל' ת"ת שם. תניא שם.

74) ועי"ד מ"ש בתניא שם, דבלומד סתם לעולם יעסוק כו' גם שלא מצד הטעם דלא ידח כו' (אלא שבלומד סתם „אין הדבר תלוי בתשובה אלא מיד

„נידח", נאר) בלויז א „רחוק", ווייל ער האט דאך גלייך בשעת החטא די תקנתא דתשובה, בדוגמת תקנתא דפסח שני [75].

יא. כשם ווי פסח שני איז כולל אלע אופני תשובה, אויך תשובת הצדיקים — אזוי איז עס בנוגע צו פסח ראשון, אז עס איז כולל אין זיך, בכללות, אלע אופנים אין עבודת הצדיקים, אויך תשובת הצדיקים; וואס דערפאר, כאטש די גאולה העתידה וועט זיין אין חודש ניסן [76] — עבודת הצדיקים — וועט זי דאך זיין פארבונדן מיט עבודת התשובה, וכנ"ל אז משיח אתא לאתבא צדיקייא בתיובתא [77].

און כעין זה געפינט מען ביי פסח מצרים, אז עס איז דעמאלט געווען דער ציווי [78] „משכו וקחו לכם" ופי' חז"ל [79] „משכו ידיכם מע"ז", וואס דאס איז אן ענין פון תשובה; חאטש די וואס האבן זיך מל געווען קודם יצי"מ זיינען דאך געווען כגר (בהתחלתו) [80] ועוד ועיקר — דאס איז גזאגט געווארן צו יעדערן ווענען מען האט געזאגט „וקחו" (וכהדיוק — בוא"ו המוסיף ומחבר) — כולל די וואס האבן קיין שייכות ניט געהאט צו ע"ז — ביי זיי איז עס ניט געווען תשובה על חטא, נאר בדוגמת תשובת הצדיקים, וואס זיי געפינען זיך אין אן עולם וואו ס'איז שייך די מציאות פון ע"ז און מ'דארף אנזאגן „משכו ידיכם מע"ז".

יב. עפ"י כהנ"ל איז מובן דאס וואס דער רמב"ם רעכנט פסח שני אלס א מצוה בפ"ע, כאטש אז איינער וואס האט מקריב געווען פסח ראשון קען דעם פסח שני ניט מקריב זיין: פסח ראשון און פסח שני זיינען טאקע צוויי באזונדערע עבודות — פסח ראשון איז עבודת הצדיקים, און פסח שני — עבודת התשובה [81]; אבער פונדעסטוועגן, מאנט זיך ניט הקרבה פון פסח שני אויב ס'איז געווען די הקרבה פון פסח ראשון, ווייל פסח ראשון איז כולל אויך תשובת הצדיקים, ובמילא איז דא אויך נכלל דער ענין פון „רגל (ועבודה) בפני עצמו" שבפסח שני.

יג. אעפ"י אז אויך אין פסח ראשון — צדיקים — איז דא תשובה, וויבאלד אבער עס איז תשובת הצדיקים, האט זי ניט אין זיך די מעלה פון תשובה דפסח שני, וואס עיקר ענינו איז תשובה על חטא [81] — „תקנתא" ו„תשלומין" [ס'איז נאר אז פסח שני איז כולל אלע אופני תשובה, ובמילא איז אין אים דא אויך תשובת הצדיקים].

---

שחוזר ולומד דבר זה לשמה כו'". משא"כ ברשע שצריך לתשובה להוציא תומ"צ שלו מהקליפה).

והא דמביא בתניא שם גם הטעם דלא ידח כו' (אלומד „שלא לשמה ממש לשום איזו פני'") — כי בתניא שם כולל הכל. בסגנון אחר — נקט הקצוות: מקצה ד„נידח" (אחטא ואשוב), עד לומד סתם שאפילו ק"נ לא נתלבשה בו; וכמה דרגות בינתיים (וכדמוכח גם בהל' ת"ת שם ובקו"א), ובכל הדרגות הנ"ל „לעולם יעסוק כו'".

75) ועוד דוגמאות: לאו שניתק לעשה, שריפת נותר, שילוח הקן — לכמה מ"ד (חולין קמא, א־ב. וש"נ).

76) כדעת ר"י — ר"ה יא, א. ובשמו"ר (פט"ו, יא) סתם כמותו.

77) וגם הגאולה עצמה תלוי' בתשובה (סנהדרין צז, ב. רמב"ם הל' תשובה פ"ז ה"ה), אלא שלדעת ר"י אם לא יעשו תשובה מעצמם „הקב"ה מעמיד להן כו' ומחזירן למוטב" (סנהדרין שם).

78) בא יב, כא.

79) מכילתא עה"פ.

80) ראה תוד"ה דכתיב — כריתות ט, א.

81) ובפרט לפי פסק הרמב"ם (ראה לעיל הערה 6), שגם לדעת רבי יש בפסח שני הענין דתשלומין ותיקון לראשון, שהרי ע"י פטורים מכרת.

און דאָס איז אין צוויי ענינים: (א) דער צמאון פון אַ בע״ת נעמט זיך דוקא דערפון וואָס „עד הנה היתה נפשו בארץ ציי וצלמות היא הסט״א כו׳״ [82], און דעריבער איז זיין צמאון „ביתר עז״ ווי ביי צדיקים [82] וואָס ביי זיי איז דאָס ניט שייך [83]. (ב) תשובה על חטא דערלאַנגט העכער פון השתלשלות, וואָס דערפאַר האָט עס בכח צו מהפך זיין זדונות לזכיות (וכנ״ל ס״ו): משא״כ ביי צדיקים, אפילו ווען ביי זיי איז דאָ עבודת התשובה, האָט זי אָבער ניט דעם כח צו מהפך זיין זדונות לזכיות.

און דאָס איז דער טעם וואָס דוקא פסח שני איז יום אחד און פסח ראשון שבעת ימים, ווייל כאָטש אַז אויך פסח ראשון האָט דעם ענין התשובה, ווי־באַלד אָבער עס איז תשובת הצדיקים, איז דאָס אַלץ במדידה והגבלה — אפילו דער „בכל מאדך״ פון אַ צדיק איז אויך בסדר והדרגה [84]: און ע״ד ווי מען געפינט אַז אפילו נאָכדעם ווי תשובת ר״א בן דורדייא האָט אַרויסגערופן דעם „בכה רבי״, וואָס בכי׳ ווייזט אויף אַן ענין שלמעלה מהגבלה [85], איז ביי אים ניט געווען דער ענין פון „קונה עולמו בשעה אחת״, העכער פון התחלקות:

דוקא פסח שני — תשובה על חטא, מהפך זיין זדונות לזכיות [כפתגם הנ״ל דכ״ק מו״ח אדמו״ר: אפילו „לכם״, אַז דאָס איז געווען ברצונו, פונדעסטוועגן קען מען מתקן זיין] — דערלאַנגט אין אַן אָרט וואָס איז העכער פון התחלקות, יום אחד; ע״ד די מעלה פון ראב״ד, אַז דוקא ביי אים — תשובה על חטא — האָט זיך אויפגעטאָן דער „קונה עולמו בשעה אחת״ [86].

(משיחת ש״פ אחו״ק תשכ״ד)

---

82) תניא פ״ז.

83) ראה בארוכה שע״ת ח״ב חינוך פמ״ח.

84) ראה שע״ת שם (נה, רע״ד ואילך).

85) תו״א כו, א. ובכ״מ.

86) להעיר מסה״מ תקס״ב (ע׳ יג) במעלת המס״נ דראב״ד על המס״נ דצדיקים, עיי״ש.

# בהעלותך ד

א. בנוגע פסח שני איז באַוואוסט דער וואָרט פון רבי'ן[1]: „פסח שני ענינו איז — עס איז ניטאָ קיין „פאַרפאַלען", מען קען אַלע מאָל פאַריכטען. אפילו מי שהי' טמא, מי שהי' בדרך רחוקה. און אפילו „לכם"[2], אַז דאָס איז געווען ברצונו, פונדעסטוועגען קען מען מתקן זיין".

דאַרף מען פאַרשטיין: הן אמת אַז די ענינים וביאורים פון פנימיות התורה זיינען לפעמים לויט איין דיעה אין נגלה דתורה[3], אפילו ווען די הלכה איז ווי אַ צווייטע דיעה, וואָרום אלו ואלו דברי אלקים חיים[4] און מען דאַרף און מען מוז בענטשן ברכת התורה פאַר דעם לערנען דברי בית שמאי, כאָטש ב"ש במקום בית הלל אינה משנה[4*] —

אעפ"כ, איז דאָך יומתק יותר אויב עס איז אויך מתאים לויט די דיעה וואָס הלכה כמותה, ובפרט בענינינו, וואָס דער לשון איז אַז דאָס איז „ענינו" (פון פסח שני).

ולכאורה: בשלמא לויט דער דיעה[5] אַז פסח שני איז „תשלומין דראשון הוא", איז מובן וואָס מען זאָגט בנוגע פ"ש „ענינו איז — עס איז ניטאָ קיין פאַרפאַלן מען קען אַלע מאָל פאַריכטען . . מתקן זיין",

ועד"ז לויט דער דיעה[6] אַז „תקנתא דראשון הוא", אַז די תורה האָט געזאָגט ווי צו מתקן זיין (דורך מקריב זיין פסח שני) — אויב ער האָט ניט מקריב געווען דעם פסח ראשון במזיד.

אָבער לויט דעת רבי — וואָס אַזוי איז אויך די הלכה[7] — אַז פסח שני איז „רגל בפני עצמו הוא", און „אין השני תלוי בראשון אלא חיוב בעצמו כמו שאר הרגלים"[8],

ווי זאָגט מען לדיעה זו אַז „ענינו איז — עס איז ניטאָ קיין פאַרפאַלען מען קען אַלע מאָל פאַריכטען"?

ב. גאָר בפשטות איז דאָס קיין קשיא ניט, וואָרום אפילו לדעת רבי אַז „רגל בפני עצמו הוא" איז דער חיוב פון פ"ש דוקא דאַן ווען ער האָט ניט מקריב געווען בראשון (ביז אַז איינער וואָס האָט מקריב געווען פסח בראשון טאָר ניט ברענגען אַ פ"ש). און נאָכמער — אפילו ווען ער האָט ניט מקריב געווען בראשון במזיד — „הרי זה מקריב בשני" און איז דעמאָלט פטור מן הכרת[9], קומט דאָך אויס אַז אויך

---

1) היום יום ע' נג.

2) פרשתנו ט, יוד.

3) וכמו הביאור בלקו"ת (נצבים מה, סע"א) בענין שופר של ר"ה של יעל פשוט, שאין הלכה כן (טושו"ע ואדה"ז או"ח ר"ס תקפו).

4) עירובין יג, ב.

4*) ברכות לו, רע"ב. וש"נ. וראה בארוכה לקוטי לוי"צ אגרות ע' רסו. לקו"ש חט"ו ע' 233.

5) דעת ר' נתן פסחים צג, א. וראה ביאור ג' הדיעות דלקמן בתשובות ר"א בן הרמב"ם (בס' ברכת אברהם סי' ד — נעתק בשינויים בכס"מ הל' ק"פ פ"ה ה"ב. וס' מעשה נסים סי' ז). וראה לעיל ע' 117 ואילך.

6) דר' חנינא בן עקביא.

7) רמב"ם רפ"ה מהל' ק"פ. ספה"מ מ"ע נז.

8) לשון הר"א בן הרמב"ם שם בס' ברכת אברהם.

9) שם ה"ב. וחזר בו ממש"כ בסהמ"צ שם דלרבי „אם הזיד בראשון והקריב בשני הוא חייב" — כמ"ש בתשובת הר"א בן הרמב"ם בס' מעשה נסים שם*. וראה ביאור הרי"פ פערלא לספהמ"צ רס"ג מ"ע נז (רמ, א־ג. רמג, ד).

---

*) וכן מ"ש בפרש"י פסחים שם ד"ה תשלומין ד„חייב כרת על הראשון ואפילו עשה את השני" כתב באור חדש שם שזהו רק לדעת ר"נ ולא לדעת רבי. אבל בצל"ח שם שרש"י ס"ל כן גם אליבא דרבי. וראה ביאור הרי"פ שם. ואכ"מ.

לדעתו איז „ענינו (פון פסח שני) — עס איז ניטאָ קיין פאַרפאַלן".

און אַזוי איז דאָך געווען בפועל מלכתחילה — אַ חידוש ומצוה וואָס איז געגעבן געוואָרן צו פאַריכטן. כדי עס זאָל ניט זיין „נגרע" באַ די „טמאים לנפש אדם" איז געקומען דער ציווי ה'[10] „איש איש כי יהי' טמא לנפש או בדרך רחוקה לכם גו' בחודש השני בארבעה עשר יום בין הערבים יעשו אותו".

און דאָס וואָס לדעת רבי איז פ"ש „רגל בפני עצמו הוא"[11] איז (בעיקר) נוגע לגבי דעם וואָס „חייבין עליו (פסח שני בפני עצמו) כרת", „כיצד[12] מי ששגג או נאנס ולא הקריב בראשון אם הזיד ולא הקריב בשני חייב כרת"[13].

עס איז אָבער ניט פאַרשטאַנדיק: מטעם זה וואָס „רגל בפני עצמו הוא" האַלט דאָך רבי[14] (און אַזוי פסק'נט דער רמב"ם[15]) אַז אויך „גר שנתגייר בין שני פסחים וכן קטן שהגדיל בין שני פסחים חייב לעשות פסח שני", היינט ווי ערקלערט מען בנוגע לגר וקטן הנ"ל, אַז „ענינו (דפ"ש) איז — עס איז ניטאָ קיין פאַרפאַלן" — זיי זיינען דאָך נישט געווען מחוייב בפ"ר[16].

ג. בנוגע צו „קטן שהגדיל בין שני פסחים" וואָס „חייב לעשות פסח שני" (ווי איז אין דעם מודגש דער ענין אַז „עס איז ניטאָ קיין פאַרפאַלן") — יש לבאר (בדוחק עכ"פ): וויבאַלד אַ קטן איז נמנה אויפן קרבן פסח, ביז אַז ס'איז דאָ אַ סברא אַז שה לבית אבות דאורייתא[17], און נאָכ־מער: דער רמב"ם[18] פסק'נט דאָך אַז „אם שחטו עליו — אויפן קטן — בראשון פטור (פון פסח שני)". זעט מען דאָך אַז ער האָט אַ שייכות צו דער מצות קרבן הפסח[19]. ובמילא איז אין פאַל ווען לא שחטו עליו בראשון, און הגדיל בין שני פסחים, איז דער „חייב לעשות פסח שני", אַ מעין פון תשלומין, „וענינו איז — עס איז ניטאָ קיין פאַרפאַלן" (פון פסח ראשון — וואָס אויב מ'וואָלט אויף אים מקריב געווען בראשון וואָלט ער געווען פטור מפ"ש).

אָבער בנוגע צו גר שנתגייר, וואָס ער האָט ניט געהאַט קיין שום שייכות צו פסח ראשון, איז וואָס איז שייך צו זאָגן באַ אים „עס איז ניטאָ קיין פאַרפאַלן"?

ד. וי"ל הביאור בזה: אַז אדרבא, דעת רבי אַז „רגל בפני עצמו הוא" ברענגט אַרויס מערער דעם ענין אַז — „עס איז ניטאָ קיין פאַרפאַלן", ווי לויט די דיעות אַז „תשלומין דראשון הוא" אָדער „תקנתא דראשון הוא":

10) פרשתנו שם, י־יא.

11) ראה שאלת ר"ד הבבלי בס' מעשה נסים שם. ביאור הרי"פ שם. ועוד.

12) רמב"ם שם סה"א וה"ב. וראה הערה 16.

13) משא"כ לדעת ר"נ ור"ח בן עקביא שם (צג, ב) ששגג בראשון והזיד בשני פטור.

14) פסחים שם, ע"א „במאי קמיפלגי", פרש"י שם ד"ה חייבין, וראה פרש"י שם סד"ה חייב כרת.

15) שם ה"ז.

16) להעיר שהרמב"ם שם לא כתב הא דגר שנתגייר וקטן שהגדיל חייבין בפ"ש — בהמשך להלכה א' ד„רגל בפ"ע הוא", כ"א כמה הלכות לאח"ז. וגם לא הזכירם בסהמ"צ שם כשמכריח דמצוה בפ"ע הוא.

ולהעיר ממאירי פסחים שם: פסח שני אינו תשלומין של ראשון אלא מצוה בפ"ע הוא . . מכל מקום מי שלא היתה עליו תורת חיוב בראשון אין בו חיוב שני כלל. ולשיטתנו מיהא גר שנתגייר בין שני פסחים או קטן שהגדיל אינן חייבין בפ"ש כלל.

אבל ראה רש"י פסחים שבהערה 14. ומלשונו שם בסד"ה חייב, משמע קצת דלדעת רבי גר הנ"ל שלא הקריב בשני חייב כרת. ואכ"מ.

17) ראה נדרים לו, א.

18) שם ה"ז.

19) ראה כס"מ שם. ובמפרשי הרמב"ם שם. צפע"נ הלכות נזירות פ"ב הי"ט (ב, א), וראה לקו"ש חי"ז ע' 238 (ס"ז). ובארוכה לקו"ש חכ"ו ע' 69 ואילך.

לויט די דיעות אז ס׳איז „תשלומין דראשון״ אדער „תקנתא דראשון״ איז דער (עיקר) זמן הקרבת הפסח בזמן פסח ראשון בי״ד ניסן, נאר מ׳קען „משלים״ אדער „מתקן״ זיין דעם חיוב וואס ער האט אויף זיך (פון פסח ראשון). די תורה האט אבער נישט געגעבן נאך א זמן פסח[20].

משא״כ לדעת רבי ודיוק לשונו „רגל בפני עצמו הוא״ האט די תורה געגעבן (נוסף אויף דעם זמן פון פסח ראשון אויך) א רגל — זמן בי״ד אייר אויף הקרבת הפסח. ווען ער איז מקריב דעם פסח בי״ד באייר איז עס (בהוספה צו משלים זיין דאס וואס ער האט פארפעלט (הקרבת הפסח ראשון[21]), אויך) בפני עצמו הקרבת הפסח[21*], י״ד אייר איז זמנו פון הקרבת הפסח, „מועדו״[22] פון פסח[23].

ד. ה.: לדעת רבי איז מען מחוייב בפ״ש ניט ווייל אויף אים איז געבליבן א חיוב קרבן פסח פון י״ד ניסן (ווי לויט דער דיעה אז ס׳איז תשלומין אדער תקנתא) נאר ווייל — י״ד באייר איז א זמן וואס איז אים מחייב להקריב ק״פ (אויב ער האט ניט מקריב געווען בי״ד ניסן).

[דאס וואס הקריב הפסח בראשון דארף ער נישט מקריב זיין בפסח שני, ווייל אויף יצי״מ איז נאר איין קרבן, כפשוט].

ובמילא איז דאס וואס „פ״ש ענינו איז — עס איז ניטא קיין פארפאלען״, איז די כוונה אין דעם נישט (נאר) אז „מען קען אלעמאל פאריכטן״ — א זאך וואס מ׳האט פארפעלט, איז ער איר ממלא בכללות, נאר[24] — ס׳ווערט אויפגעטאן

20) וכמפורש בפסחים שם (ע״ב) לדעת ר״נ „קרבן ה׳ לא הקריב במועדו בראשון״. אבל להעיר מדעת ר״ח בן עקביא שם. וראה מ״ש הר״ד הבבלי שם לדעתו: כי הוא סובר, כי הזמן הוא זמן אחד מדובק לענין חיוב עשי׳ כו׳ ע״ש.

משא״כ לדעת רבי — ראה לקמן בפנים.

21) עפ״ז מובן בפשטות מה שלדעת רבי דרגל בפ״ע הוא הקרבתו בשני פוטרתו מכרת שהזיד בראשון (כנ״ל ס״ב והערה 9), כי גם לדעתו הוא תשלומין לראשון כבפנים, אלא שהוא בשלימות יותר, כדלקמן.

21*) אלא שלדעת הרמב״ם בסהמ״צ (הנ״ל הערה 9) לרבי כשהזיד בראשון אין הקרבתו בשני פוטרתו מכרת, כי התורה נתנה הזמן דפ״ש בתור תשלומין, רק באם לא הפקיע א״ע, כמו מי שהי׳ טמא או בדרך רחוקה שאין עליו חיוב פסח (ראה צפע״נ שבהערה 33), או אפילו כשיש עליו חיוב אלא שנאנס באונס אחר, או ששגג, משא״כ כשהי׳ לו הזמן דפסח וכן החיוב פסח אלא שהזיד ולא הקריב, לא ניתן לו הזמן דפ״ש בתור תשלומין לפ״ר.

22) פסחים שם סע״א.

23) שזהו חילוק הלשון „רגל בפ״ע״ והלשון „מצות עשה בפני עצמו ודוחה את כו׳״ (שהביא הרמב״ם שם לפנ״ז), כי „מצות עשה בפ״ע״ מורה על החיוב גברא, ו„רגל בפ״ע״ על הזמן.

24) ואולי מרמזו בכפל הלשון: „מען קען אלעמאל פאריכטען אפילו מי שהי׳ טמא, מי שהי׳ בדרך רחוקה. און אפילו לכם דאס איז געווען ברצונו, פונדעסטוועגן קען מען מתקן זיין״. דלכאורה „פונדעסטוועגן . . מתקן זיין״ מיותר.

וי״ל שב׳ ענינים בזה: „עס איז ניטא קיין פארפאלען מען קען אלעמאל פאריכטען״, הכוונה לתשלומין מל׳ שלימות. והמשך הלשון מדובר בזה שהי׳ חסר* לו (וכפשטות הלשון „אפילו מי שהי׳ טמא כו׳ . . ברצונו״) שגם זה „קען מען מתקן זיין״.

*) ונקט מי שהי׳ טמא מי שהי׳ בדרך רחוקה המפורשים בקרא ואף שבחסר לו יש אופנים למטה יותר כמו „מי ששגג או נאנס ולא הקריב בראשון״ (שאז „אם הזיד ולא הקריב בשני חייב כרת״). או יתירה מזו „אם הזיד ולא הקריב בראשון״ (שאז „אם לא הקריב בשני אע״פ ששגג הרי״ז חייב כרת״) — רמב״ם שם ה״ב. אי״צ לפרטם בפ״ע, כי כ״ז נכלל במש״כ „און אפילו לכם אז דאס איז געווען ברצונו״ והיינו שזדונו היתה בזה שהי׳ טמא כו׳. וכמבואר ברמב״ם שם ה״ד ד„הרי זה מזיד בראשון״.

אין אלע פרטים[25], די פעולה איז בשלימות[26].

ועפ״ז איז מובן אויך בנוגע צו „גר שנתגייר בין פ״ר לפ״ש און קטן שהגדיל בין שני פסחים״, אז דאס וואס „חייבין לעשות פסח שני״ (כאטש זיי האט נישט געפעלט עשיית הפסח ראשון, וויבאלד אבער ענינו איז ניט (נאר) אויף משלים זיין את החסר (בעבר), נאר צו טאן א חיוב וועלכער קומט איצט — בזמן י״ד אייר — בפ״ע[27]. האט דאס אויך א שייכות צו גר וקטן הנ״ל), ווייל אין דעם מצב וואס זיי שטייען בי״ד אייר זיינען זיי מחוייב במצות.

ה. ע״פ הנ״ל יש לומר אז אויך לדעת רבי איז פ״ש תשלומין. אין דעם לשון תשלומין זיינען דא צוויי פירושים: א) משלים זיין א חסרון, ב) שלימות — כאטש אז בלאו הכי פעלט גאר ניט אין דער זאך, קומט אבער צו שלימות אין דער זאך דורך דער הוספה.

ועד״ וויי מען געפינט ביים לשון „תמימה״ בנוגע ל„שנה״: די גמרא[28] זאגט אז „תמימה״ איז „להביא את חודש העיבור״, כאטש אז אויך אן דעם חודש העיבור ווערט זי אנגערופן שנה[29], עס פעלט ניט אין איר.

ועד״ז זאגט מען בעבודה בבית המקדש[30], אז עס איז דא אן עבודה שאינה תמה, אויב „יש אחרי׳ עבודה״, אזוי ווי „שחיטה וקבלה והולכה שיש אחרי׳ זריקה״. [„עבודה תמה״ איז אן „עבודה שהיא גומרת ומתממת את הדבר״ — אזוי ווי זריקה והקטרה ניסוך המים כו׳].

כאטש עס פעלט ניט אין דער עצם העבודה, זי איז געטאן געווארן כדבעי, ווערט זי אבער ניט אנגערופן עבודה תמה, ווייל יש אחרי׳ עבודה. און די עבודה שלאחרי׳ איז „גומרת ומתממת את הדבר״, זי איז גומר ומשלים די עבודה הקודמת.

[וואס דעריבער איז בא די עבודות הקודמות, „אע״פ שהזרים מוזהרים שלא יתעסקו בעבודה מעבודת הקרבנות אין חייבין מיתה אלא על עבודה תמה״].

דאס איז אויך מעין פון די צוויי ענינים וואס מען געפינט בא צדקה[31]: „די מחסורו אתה מצווה עליו לפרנסו כו׳ אשר יחסר לו אפילו סוס לרכוב עליו ועבד לרוץ לפניו״ און (מערער פאר דעם) — „לעשרו״, כאטש אז דאס איז ניט קיין ענין וואס עס פעלט אים.

ו. ועפ״ז י״ל אז דאס וואס מ׳זאגט אז „אין השני תשלומין לראשון אלא רגל בפ״ע״[32], מיינט ארויסברייינגען אז דאס איז ניט אזא „תשלומין״ וואס איז בכדי משלים זיין החסר נאר „רגל בפני עצמו״ — די זאך ווערט אויפגעטאן בשלימות.

און אין דעם זין איז אויך בא גר שנת־גייר דא דער ענין פון תשלומין, אז

25) ולהעיר ממשנ״ת בלקו״ש ח״ג (ע׳ 979 ואילך) בנוגע למילה, דלדעת הרמב״ם ותוס׳ גם כשמל אחר יום השמיני יש בזה הענין דמילה בזמנה. עיי״ש.

26) התיקון ומילוי בקשתם „למה נגרע״ הוא בשלימות, כי גם להם ניתן „רגל — זמן פסח״.

27) להעיר מצפע״נ לרמב״ם בתחלתו (ב, טור ב׳ בסופו). ובהשמטות לשם (הפלאה נד, ב). ועוד.

28) ערכין לא, א.

29) ראה ר״ן נדרים סג, א. שו״ת נו״ב מהד״ק אה״ע ס״ב. וראה אוה״ת (יהל אור) להצ״צ לתהלים יט, ח (ס״ד, ה).

30) ראה בהבא לקמן יומא כד, א ובפרש״י שם ד״ה עבודה תמה (וראה זבחים קטו, ב).

31) כתובות סז, ב.

32) לשון הרמב״ם הל׳ ק״פ רפ״ה.

אע״פ אז פריער האט ער ניט געטארט מקריב זיין[33], „איז ניטא קיין פארפאלן״, ער פארלירט ניט די שלימות פון הקרבת הפסח.

ויומתק יותר ע״פ הדיוק הידוע פון חיד״א[34] בהלשון „גר שנתגייר״ — ניט „גוי שנתגייר״, ווי מ׳זאגט „עבד שנשתחרר״, „קטן שהגדיל״ וכיו״ב — ווייל נאך איידער ער האט זיך מגייר געווען בפועל איז ער שוין א גר, ער האט (זייענדיק א גוי) א ניצוץ פון א נשמה קדושה[35], נאר בגלוי איז דאס ארויסגעקומען ווען ער האט זיך מגייר געווען, קומט אויס אז אויך בפסח ראשון איז בא אים געווען א געוויסע שייכות צום פסח[36], און פסח שני איז תשלומין — מלשון שלימות, אין דער שייכות זיינע צו פסח ראשון.

ז. בעומק ובפנימיות יותר י״ל: וויבאלד אז ביידע פירושים זיינען אין דעם זעלבן ווארט תשלומין, איז מובן אז אויך דער פירוש תשלומין מלשון שלימות, האט א שייכות צום פירוש הפשוט פון תשלומין, אז מ׳איז ממלא און משלים את החסר.

די הסברה אין דעם איז: וויבאלד עס קען צוקומען לגבי דעם פריערדיקן מצב, ווערט אויך דאס פאררעכנט אלס חסר. די שלימות ווערט א גדר פון דערגאנצן וואס עס האט געקענט צוקומען.

וע״ד ווי דאס איז בגשמיות כנ״ל, אז בשעת מ׳גיט איינעם עשירות, איז לאחרי ווי ער האט עס באקומען און זיך צוגעוויינט דערצו, רעכנט עס זיך שוין ניט פאר עשירות ודבר נוסף, נאר א זאך וואס „יחסר לו״ כנ״ל, אפילו עבד לרוץ לפניו.

וי״ל אז ברוחניות (במחשבה בעבודת הנפש) איז כשם ווי דאס איז לאחרי ווי מ׳באקומט דעם „לעשרו״, בפועל, עד״ז איז דאס אויך בשעת זיין מחשבה און שטרעבונג איז צו „עשירות״,

וויבאלד אז במקום שרצונו של אדם שם הוא נמצא[37], ווערט שוין די עשירות און שלימות פאררעכנט ביי אים ווי „יחסר לו״. און ווען ער באקומט די עשירות ווערט דאס ביי אים אן ענין פון תשלומין דהחסר, ממלא את החסר לו.

וכלפי שמיא גליא, אז שוין פריער איז בא אים „חמישים איש רצים לפניו״ וכו׳ אן ענין וואס יחסר לו, אבער למטה, בגשמיות איז „אין לדיין אלא מה שעיניו רואות״[38], למטה און בהלכה לפועל, ווען ווערט נתגלה אז דאס איז יחסר לו — דוקא לאחרי ווי ער האט באקומען די עשירות ונתרגל בזה.

ח. ובנוגע לגר שנתגייר בין פ״ר ופ״ש — וויבאלד אז אויך איידער ער האט זיך מגייר געווען בפועל איז ער שוין פון פריער א גר, כנ״ל, ער האט אין זיך (נאך זייענדיק א גוי) א ניצוץ פון א נשמה קדושה, איז כאטש אז בגלוי איז דאס ארויסגעקומען ווען ער האט זיך מגייר געווען, דעמאלט ווערט אבער נתגלה אז אויך למפרע האט ער (מצד

33) להעיר מצפע״נ הפלאה שם לגבי מי שהי׳ בדרך רחוקה „דהוי כמו מי שאינו בגדר עשיית הפסח״, ע״ש.

34) מדבר קדמות מערכת ג׳ אות ג.

35) ראה תשובות מהר״ם מרוטנבורג (הובא בספר תשובות בעלי התוס׳ מכת״י (ניו יארק תשי״ד — ע׳ רפו, סי״ט)).

36) להעיר מרמב״ן ואוה״ח פרשתנו ט, יד.

37) ראה כש״ט הוספות סי׳ לח, וש״נ.

38) ב״ב קלא, רע״א. וש״נ.

הנשמה) געהאט א שייכות צו מצות התורה[39].

ובמילא קומט אויס אז נישט נאר איז ער מוסיף שלימות דורך הקרבת הפסח שני, נאר דאס איז אויך משלים את החסר, ווייל מצד הנשמה האט אים „געפעלט" אין הקרבת הפסח בפסח הראשון.

ט. די הוראה פון דעם לכל אחד ואחד בעבודתו ית' — אויף וויפל עס דארף זיין די התעסקות אין הפצת התורה והיהדות, ובפרט בהפצת המעינות.

ער קען דאך טראכטן בא זיך: די ארבעט איז טאקע זייער חשוב, אבער דאס איז בלויז א הידור מצוה, ס'איז א שלימות וואס וועט אים צוקומען ווען ער וועט עס טאן, וואס איז אבער דער הכרח אין דעם און וואס איז אזוי די אייליגישי?

זאגט מען אויף דעם, אז אן ענין וואס ער מיינט אז עס איז בלויז א שלימות, קען גאר זיין אז באמת איז דאס בא אים תשלום החסר, אין דעם וואס איז מוכרח צו זיין עבודה ושרש נשמתו.

ווי די תורה פון בעש"ט[40]: הקב"ה שיקט אראפ א נשמה אויף דער וועלט און לעבט זיבעציק אדער אכציק יאר וואס דער תכלית הכוונה פון דער שליחות איז צו טאן א אידן א טובה אין גשמיות בכלל און אין רוחניות בפרט.

קען זיין, אז אט די טובה וואס ער דארף טאן צו דעם אידן אין דעם טאג איז דער תכלית פון זיין נשמה'ס אראפ־קומען אויף דער וועלט, און אויב ח"ו ער פארפעלט דאס, האט ער ניט נאר פארפעלט א שלימות, נאר — דעם עיקר תכלית ירידת נשמתו.

און וויבאלד אז אין אתנו יודע עד מה, מען ווייס ניט וועלכע פעולה איז די צוליב וועלכער זיין נשמה איז אראפ־געקומען למטה, דארף זיין די התעסקות בהפצת היהדות באופן דחטוף ואכול חטוף ושתי[41], וויבאלד אז בא לידו.

און דורך דעם איז מען זוכה צו דער גאולה האמיתית והשלימה — אין די ביידע טייטשן פון „שלימה": עס ווערן נשלם אלע חסרונות פון זמן הגלות, און עס וועט אויך צוקומען שלימות אין וועלט נאך העכער ווי וועלט איז געוועזן לפני חטא עץ הדעת (אלה תולדות השמים וארץ דעולם על מילואו נברא[42]) — אלה תולדות פרץ מלא[43],

ובלשון הרמב"ם[44]: „ובאותו הזמן לא יהי' שם לא רעב ולא מלחמה ולא קנאה ותחרות (שלימות — שלא יהי' ענין דחסרון) שהטובה תהי' מושפעת הרבה כו' ולא יהי' עסק כל העולם אלא לדעת את ה' בלבד" (שלימות — ממש)

בקרוב ממש, בביאת משיח צדקנו במהרה בימינו ממש.

(משיחת פסח שני תש"מ)

---

39) ראה מדבר קדמות שם דזה שאמר גר שנתגייר להורות דבמעמד הר סיני שקבלנו התורה שם נמצא נפש הגר הזה.

40) לקו"ד ח"ג ע' 1126. סה"ש תש"ה ע' 67. היום יום ע' נא.

41) ראה מבוא לקונטרס ומעין ע' 22.

42) ראה ב"ר פי"ד, ז. פי"ג, ג. ושם דהי' העולם חסר עד שבא שבת (ב"ר ספ"י).

43) ב"ר פי"ב, ו.

44) סוף הל' מלכים.